**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/1/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**אויפ'ן ערשטן טאג פון 'ברוסט קענסער אויפמערקזאמקייט חודש', שרייבט גאווערנער האקול אונטער א ביל צו אויסברייטערן אינשורענס דעקונג פון ברוסט קענסער אונטערזוכונגען און טעסטס**

***ביל S.2465C/A.1696C ברייטערט אויס אינשורענס דעקונג פון ברוסט קענסער אונטערזוכונגען און טעסטס צו אריינגעמען נאציאנאל-אנערקענטע פארשריפטן***

אויפ'ן ערשטן טאג פון 'ברוסט קענסער אויפמערקזאמקייט חודש', האט גאווערנער קעטי האקול היינט אונטערגעשריבן א געזעץ צו אויסברייטערן אינשורענס דעקונג פון ברוסט קענסער אונטערזוכונגען און טעסטס צו אריינרעכענען פראצעדורן וואס זענען רעקאמענדירט דורך נאציאנאל-אנערקענטע קלינישע סטאנדארטן פארשריפטן צו אויפכאפן ברוסט קענסער.

"יעדע פרוי אין ניו יארק סטעיט דארף האבן צוטריט צו די פולע ברייטקייט פון דעקונג אפציעס פאר ברוסט קענסער אונטערזוכונגען און טעסטס, וואס איז די שליסל צו עס דיאגנאזירן און באהאנדלען באצייטנס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער געזעץ פארזיכערט אז קריטישע פארמיידונג סערוויסעס זענען דא צו באקומען אן קיין פינאנציעלע דרוק און אזוי ארום ראטעווען לעבנס און אוועקשטעלן א נייע סטאנדארט פון קעיר פאר ניו יארקער."

ביל S.2465C/A.1696C ענדערט טיילן פון דעם אינשורענס געזעץ צו פאדערן פון פערזענליכע, גרופע און נאָן-פראפיט (אריינרעכענענדיג HMO) העלט אינשורענס פלענער צו דעקן ברוסט קענסער אונטערזוכונגען און דיאגנאסטישע טעסטס. די דעקונג איז אין קראפט אויב א דאקטאר רעקאמענדירט דאס באזירט אויף נאציאנאל-אנערקענטע מעדיצינישע פארשריפטן. די אונטערזוכונגען רעכענען אריין מעמאָגראמס, ברוסט אולטרא-סאַונדס און MRI'ס.

דער געזעץ קלארט אויך אויס אז קאסטן וואס די פאציענט דארף אליין באצאלן (קאָו-פעיס א.ד.ג.) וועלן נישט גענומען ווערן פאר די פראצעדורן, חוץ אויף אזוי ווייט ווי עס פעהלט אויס צו זיכער מאכן אז אן אינשורענס פלאן זאל נישט ווערן אומבארעכטיגט פאר א 'העלט סעיווינגס אקאונט' לויט IRS פארשריפטן.

דער געזעץ טייטשט אויס "נאציאנאל-אנערקענטע קלינישע סטאנדארטן פארשריפטן" צו אריינרעכענען אויפגעוויזענע סטאנדארטן אנטוויקלט דורך זעלבסטשטענדיגע ארגאניזאציעס אדער דורך גרופעס פון מעדיצינישע עקספערטן נוצנדיג אפענע שיטות און באריכטונג סטרוקטור.

**סטעיט סענאטארשע ראַקסען דזש. פערסאוד האט געזאגט,** "דורכן אונטערשרייבן דעם קריטישן געזעץ, נעמען מיר א וויכטיגע טריט אויף פאראויס אין דעם קאמף קעגן ברוסט קענסער. די אויסברייטערונג פון אינשורענס דעקונג פאר אונטערזוכונגען און טעסטס וועט גיבן די מעגליכקייט פאר מענטשן צו גיבן פריאריטעט פאר זייער געזונטהייט אן די עול פון די קאסטן, און עס וועט פארזיכערן אז

דאס אויפכאפן די מחלה פריערהייט ווערט די סטאנדארט און נישט א פריווילעגיע. איך באדאנק מיין קאלעגע, אסעמבלי מיטגלידערין האָנטער, פארן זיך אנשליסן מיט מיר אין די שתדלנות און גאווערנער האקול פארן איינשרייבן די ביל אין געזעץ."

**אסעמבלי מיטגלידערין פאמעלא דזש. האָנטער האט געזאגט,** "דאס אויסברייטערן אינשורענס דעקונג פאר ברוסט קענסער אונטערזוכונגען און טעסטס באזירט אויף נאנציאנאל-אנערקענטע קלינישע פארשריפטן איז א קריטישע טריט צו זיכער מאכן אז פרויען אריבער ניו יארק האבן צוטריט צו לעבנס-ראטעווענדע פריע דיאגנאזעס. די ביל, אונטערגעשריבן דורכאויס 'ברוסט קענסער אויפמערקזאמקייט חודש', נעמט אוועק פינאנציעלע שטערונגען וואס האלטן צוריק פון באקומען דיאגנאסטישע פראצעדורן ווי מעמאָגרעמס, אולטרא-סאַונדס און MRI'ס, וועלכע זענען וועזנטליך אין דעם קאמף קעגן ברוסט קענסער. איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט פאר די ביל אין די אסעמבלי, און איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און סענאטארשע פערסאוד פאר זייער פירערשאפט און שטיצע ביים דאס מאכן א רעאליטעט פאר פרויען אריבער די סטעיט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן